# באקום דעם HPV וואקסין

## זיך צו באשיצן פון HPV

**וואס איז HPV?** דער מענטשליכער פּאפּילאומע ווירוס (human papillomavirus, HPV) איז די מערסט פארשפרייטע אינפעקציע וואס גייט אריבער צווישן מאן און ווייב (sexually transmitted infection, STI) און פאראורזאכט קענסער און ווארצלעך אויף די אונטערשטע איברים.

**וויאזוי פארשפרייט זיך HPV?** HPV פארשפרייט זיך דורך אינטימע בארירונג הויט צו הויט און דורך משפחה באציאונגען — געהעריג, פון הונטן און דורך די מויל. א מענטש מיט HPV קען צומאל נישט ארויסווייזן קיינע סימנים אדער סימפטאמען.

**וויפיל וואקסין שאַטס דארף איך, און ווען זאל איך זיי באקומען?**

- עלטערע קינדער וועלכע זענען אונטער 15 יאר אלט דארפן באקומען צוויי וואקסין שאַטס, צום ווייניגסטנס זעקס חודשים אפגערוקט.
- צענערלינגען פון 15 יאר און עלטער דארפן באקומען דריי וואקסין שאַטס אויסגעשפרייט איבער זעקס חודשים.

**איז דער HPV וואקסין זיכער?** יא. עס איז זיכער און באשיצט קעגן HPV אינפעקציע און פארבינדענע קענסערס.

**וואו קען איך באקומען דעם HPV וואקסין?** באזוך דיין דאקטאר אדער די העלט צענטער פון דיין סקול.

**צו דארף איך האבן צושטימונג פון מיינע עלטערן אדער אויפּציהער?** אויב ווענדסטו זיך צו באקומען געזונטהייט סערוויסעס וואס האבן צו טוהן מיט די אונטערשטע איברים, קענסטו באקומען דעם HPV וואקסין אן די צושטימונג פון דיינע עלטערן אדער אויפציהער. רעד צו א דאקטאר צו געוואויר ווערן אויב דו ביזט בארעכטיגט, אדער רעד מיט דיינע עלטערן אדער אויפציהער איבערן וואקסינירט ווערן.

צו לערנען מער, באזוך nyc.gov/health/hpv.

10.22 Yiddish

NYC Health